בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## פרשת כי תבא

אשר זכינו לשמוע מאת

## כ"ק מרן אדמו"ר זי"ע

פה קרית טאהש יצ"ו

להשיג הקונטרס או לנדב יש לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש נ"ו**

**438-920-4312**

♦

למסור הערות והארות יש לפנות אל הנומער:

845-262-0488

ולהשאיר מודעה

# תורה א

## - א -

**והיה כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך נחלה וירשתה וישבת בה.**
די ספרים הק' זענען מסביר, אז הארץ מיינט נישט נאר ארץ ישראל דא בארץ התחתון, דער גן עדן ווערט אויך אנגערופן ארץ, ארץ עליונה, ארץ החיים, ווי די משנה זאגט (סנהדרין צ.) כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא שנאמר ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ, ער ברענגט א ראיה אז מ'קומט אן צום גן עדן אויבן, ווייל ס'שטייט יירשו ארץ, דאס מיינט מען די ארץ עליונה.

**און** דאס איז דער שורש פון ארץ ישראל דא אונטן אויך, ארץ ישראל איז דער העכסטער פלאץ אויף דער וועלט, דארט איז דער שער השמים, דער שורש הקדושה, די השפעה פון אלע ארצות קומט דורך ארץ ישראל, ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה, תמיד עיני ה' אלקיך בה. דער שורש פון דעם, איז פונעם ארץ העליונה, ארץ ישראל דא איז מקבל די שפע פון די ארץ העליונה, פונעם גן עדן וואו די נשמה קומט אן איבער די הונדערט יאר.

**זאגט** די תורה הק', והיה כי תבוא אל הארץ, אז דו ווילסט אנקומען צו דעם ארץ החיים, ארץ העליונה, ולקחת מראשית, זאלסטו קויפן די תורה וואס ווערט אנגערופן ראשית, ווי רש"י הק' זאגט, בראשית, בשביל התורה שנקראת ראשית, שנאמר ה' קנני ראשית דרכו. אז מ'לערנט די תורה, און מ'איז עם מקיים דא אונטן, איז מען זוכה אנצוקומען צום ארץ עליונה. וירשתה וישבת בה, און וועסט זיך באזעצן דארט אין איר, דאס מיינט, אז דארט וועסטו ווייטער קענען לערנען און מקיים זיין די תורה, ווייל וואס די נשמה טוט דא אונטן, טוט זי אויבן אויך, ווי די גמרא זאגט (ב"ב י:) אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו, ער נעמט מיט זיין לערנען אהין, דארט לערנט מען און מען איז משיג די תורה מיט גרויסע מדרגות, די גאנצע געטועכטס אין גן עדן איז די תורה ומצות, ווי ס'שטייט אין פרשת בראשית (ב טו) ויקח ה' אלקים את האדם וינחהו בגן עדן לעבדה ולשמרה, זאגן חז"ל (זח"א כז.) לעבדה במצות עשה ולשמרה במצות לא תעשה, דאס איז דער גן עדן.

**אודאי** קען מען דאס נישט מסביר זיין, וואס דאס איז, דאס זעהט מען אליין ווען מ'קומט אהין איבער די הונדערט. אבער דאס ווייסן מיר, אז ס'איז תלוי אין ולקחת מראשית, אויב דו וועסט דא איינקויפן די תורה שנקראת ראשית, וועסטו קענען

אריינקומען אינעם ארץ העליונה דארט, וירשתה וישבת בה, ווען דאס קענען ירשנ'ען, און זיך באזעצן אין איר, דארט עוסק זיין בתורה ומצות.

אז דער מענטש וועט טראכטן פון דעם, וועט ער זיך קיינמאל נישט אפשטעלן, ער וועט זיין גאנץ לעבן זוכן צו לערנען און איינקויפן נאך תורה ומצות, אויף דעם זאגט שלמה המלך, צופיה, ווען איינער קוקט, הליכות ביתה, ווי אזוי עס וועט אויסזעהן די פירונג פון זיין הויז, איבער די הונדערט יאר, יעדער האט דארט אויבן א בית, א מדור בפני עצמו, דער מענטש וואס קוקט אויף דעם, ער רעכנט אלץ וועגן דעם, ולחם עצלות לא תאכל, לחם טייטש די תורה, דער וועט נישט זיין פויל צו לערנען די תורה און מקיים צו זיין די תורה, ער וועט נישט שלעפעריג זיין קיינמאל.

- ב -

און ער זאגט דאס לשון ולקחת, זאלסט עס קויפן, די תורה דארף מען קויפן, ווי ס'שטייט אין תהלים (סח יט) עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם, זאגט דער מדרש (שמו"ר כח א), יכול מפני ששבה אותה נטלה חנם, תלמוד לומר לקחת, בלקיחה ניתנה לו, יכול יהא חייב ליתן דמים, תלמוד לומר מתנות, במתנה ניתנה לו. איז זייער שווער, ס'איז א מתנה, אדער א לקיחה. זאגן די ספרים הק' פשט אזוי, אין אמת'ן קען קיינער נישט זיין ראוי קונה צו זיין די תורה, אפילו משה רבינו האט נישט געקענט זיין ראוי דערצו, נאר אויב דער מענטש קויפט עס, גיט עס אים דער אייבערשטער נאכדעם במתנה. ווי אזוי קויפט מען דאס, וואס צאלט מען דערפאר, מ'גיט אוועק פון זיך, לויט וויפיל דער מענטש גיט זיך אוועק פאר די תורה, און ער טוט זיך אויס פון הבלי עולם הזה, ער צוברעכט זיין כח התאוה, לויט דעם באקומט ער עס במתנה. זענען ביידע לשונות אמת, קודם דארפסטו עס קויפן, און ווי די משנה זאגט אין אבות (ו יא) חמשה קנינים קנה לו הקב"ה, תורה קנין אחד, און אז דו קויפסט עס, באקומסטו עס במתנה.

די זעלבע זאגן די ספרים הק', אויף דעם וואס די משנה זאגט (אבות ב יב) התקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך, איז שווער, דער פסוק זאגט דאך (דברים לג ד) תורה צוה לנו משה מורשה קהלות יעקב, ס'איז יא א ירושה. שטייט אויך דאס די פשט, דער מענטש קען נישט באקומען די תורה ווי א ירושה, וואס מ'באקומט אומזיסט, נאר מ'דארף הארעווען דאס קונה צו זיין, אויף דעם זאגט די משנה, התקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך. נאר נאכדעם וואס דו הארעוועסט, זאלסטו נישט קלערן, אז יעצט ביזטו שוין ווערט דערצו, ניין, דעמאלטס באקומסטו עס ווי א ירושה, בחסד

חנם, אויף דעם שטייט מורשה קהלת יעקב, אויב דער מענטש קויפט עס, באקומט ער עס נאכדעם.

**דאס** זאגט דער פסוק דא אויך, ולקחת מראשית כל פרי האדמה, זאלסט קויפן די תורה שנקראת ראשית, ווי אזוי אשר תביא מארצך, מיט דעם וואס דו וועסט אוועקגעבן פון דיין ארציות, דיין תאוה זאלסטו אוועקגעבן פארן אייבערשטן, אזוי ווי ס'איז געווען די מצוה פון ביכורים, צו צוברעכן די תאוה, אוועקצוגעבן פארן אייבערשטן דאס וואס דער מענטש גלוסט זייער, דורך דעם וועסטו זוכה זיין צו באקומען די תורה, און דורך דעם וועסטו אנקומען צום ארץ העליונה, צו לערנען און מקיים זיין די תורה אין גן עדן אויך.

- ג -

**ליינט** מען דאס יעצט, פאר די הייליגע טעג, פאר מ'שטעלט זיך זאגן סליחות, מ'זאל זיך פון דעם אויפוועקן, מ'זאל זיך אפשטעלן, מ'זאל זיך אנקוקן אליין, ווי אזוי ס'האט אויסגעזען דאס לעבן דאס יאר, ווי אזוי מ'האט געלערנט און מקיים געווען די תורה שנקראת ראשית, און מ'זאל זיך שעמען פון זיך אליין. ווי מ'הייבט אן די סליחות, לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים, לך ה' הצדקה איז טייטש, דו רבוש"ע ביסט גערעכט, און מיר זענען שולדיג, וואס קענען מיר טון צו דעם, ולנו בושת הפנים, אונז קען מיר זיך וועגן דעם שעמען, זיך מתלבש זיין אין א גרויסע בושה פארן אייבערשטן, דאס אליין איז שוין די אנהייב פון די תשובה, ווייל אז דער מענטש שעמט זיך מיט וואס ער האט געטון, מיט וואס ער האט גערעדט, געטראכט, געקוקט, גיט ער אכט ס'זאל מער נישט פארקומען די אלע זאכן, ער זאל מער נישט רעדן קיין נארישקייטן, און מער נישט קומען שפעט צו א דאווענען, און נישט יאגן דאס דאווענען.

**און** אזוי דאס לערנען, אז ער מאכט דעם חשבון ווי אזוי ס'האט אויסגעזעהן, ווי נאכגעלאזן ס'איז געווען ביז יעצט, שעמט ער זיך פאר זיך אליין, ווי קען איך אזוי צוגיין צו די הייליגע טעג, א מענטש וואס לערנט נישט די תורה, האט דאך נישט קיין שכל הישר, אלקים ברא את האדם ישר, און דורך די זינד ווערט דער שכל פארקרומט, קומט די תורה און איז עס צוריק מיישר, ס'מאכט דעם מענטש פאר א ישר, ווי די משנה זאגט (אבות ו א) ומכשרתו להיות צדיק חסיד ישר ונאמן, אבער אז מ'לערנט נישט די תורה, איז דאך דער גאנצער מענטש קרום, מעוקל, ער האט א פארדרייטע שכל.

**דארף** מען זיך שעמען, ווי אזוי קען מען אזוי צוגיין צו די הייליגע טעג. און ווי ס'איז ידוע די מעשה פון רבי ר' מענדלע מרימנוב זי"ע, ער פלעגט דאווענען ראש השנה שחרית פארן עמוד, ביי זיין רבין דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע, איינמאל האט ער זיך באהאלטן, ער האט נישט געוואלט צו גיין, מ'האט אים אויפגעזוכט, מ'האט אים געפרעגט פארוואס, האט ער געזאגט, ווייל פון ראש חודש אלול דארף דער בעל תפלה יעדן טאג לערנען גמרא, ער האט איין טאג פארפעלט, ווייל ער נישט דאווענען, האט ער זיך געשעמט זיך צו שטעלן פארן אייבערשטן, דאס טייטש ולנו בושת הפנים.

## - ד -

**ס'איז** שוין נישטא קיין צייט מאריך צו זיין יעצט מער, מ'דארף שוין באלד אויפשטיין, און איך וויל נישט זאגן מער, איך וויל נישט מעורר דינים זיין חלילה, איך וויל נאר דאס ביסל זאגן, אז ס'איז איצט די צייט, יעדער זאל באנייען זיינע מעשים, ווייל ס'קומט א ניי יאר, א נייע שפע, ס'ווערט א נייע בריאה, בראשית ברא אלקים, זאגט דער תיקו"ז (טז.) בראשית איז אותיות בא תשרי, דעמאלטס ברא אלקים את השמים ואת הארץ, ווערט באשאפן פון דאסניי די הימל און ערד, דער מאור עינים (האזינו ד"ה כי שם) ברענגט עס אראפ, דעם תיקוני זוהר, און ער איז עס מסביר באריכות. כאטש בגשמיות, מיט די עינים גשמיים, זעהט אויס די וועלט אזוי ווי פאר ראש השנה, מ'זעהט נישט די התחדשות, אבער בפנימיות ווערט די וועלט באנייט, ווער ס'פארשטייט און גלייבט, ווייסט אז ס'קומט ממש א נייע חיות, ס'ווערט ממש אינגאנצן א נייע יאר, א נייע שפע, נייע השפעות קומען אראפ, א העכערע השפעה.

**און** ווי אזוי די נייע שפע זאל קומען, ווענדט זיך אין אונז, אין אונזער תשובה. מ'זאל נישט א טעות האבן, אז ס'ווערט פון זיך אליין, פון זיך אליין ווערט גארנישט, אלע עולמותווארטן אויף אונז, אויף יעדן פון אונז. פיש אין וואסער ציטערן אין די טעג, און ווערים אונטער די ערד ציטערן, וואס ציטערן זיי, אז יודן זאלן תשובה טון, אין דעם איז געוואנדן זייער גאנצע חיות דעם קומענדיגן יאר. און די מלאכים ציטערן אויך, ומלאכים יחפזון, ווייל מ'שיקט זיי פון הימל, זיי זאלן גיין זוכן, ברענגען זכותים אויף יודן, ס'איז דא אויבן א היכל הזכות, וואס איז געשטעלט אויף דעם, צו טרעפן זכותים אויף יודן, ציטערן זיי, זיי זאלן האבן וואס צו ברענגען.

**דארפן** מיר זעהן מ'זאל טאקע טרעפן, אונז זאל מיר ברענגען די זכותים, מ'זאל קענען באנייען די וועלט, מיט א גוט יאר, א שנת גאולה וישועה, צו דעם דארף

יעדער באנייען זיינע מעשים, און באשיינען זיינע מעשים, תקעו בחודש שופר, זאגט דער מדרש (שוח"ט תהלים פא) חדשו מעשיכם, שפרו מעשיכם, דורך דעם בכסא, ווערט דער אייבערשטער באדעקן די זינד, ליום חגנו, ווען ס'קומט ראש השנה, ווי דער פסוק זאגט אין תהלים, כסית כל חטאתם סלה. [אלעס שטייט אין תהלים, תקעו בחודש שופר איז אין תהלים, און כסית כל חטאתם איז אויך אין תהלים]. נאך א פסוק שטייט אין תהלים, אשרי נשוי פשע כסוי חטאה, וואויל איז דעם וואס דער אייבערשטער פארדעקט זיינע חטאים, מ'זאל עס נישט זעהן. דער אייבערשטער זעהט אלעס, נאר ס'איז א בחינה פון סליחה, אז מ'קוקט נישט דערויף, ס'איז דא א בחינה פון אויסמעקן די זינד, און פון פארדעקן די זינד, ס'איז דא א בחינה פון נושא עון, און ועובר על פשע, און אין יעדע איינע פון זיי זענען דא פארשידענע פשטים און בחינות, ווי אזוי מ'פארדעקט די זינד, און ווי אזוי מ'איז מוחל, און ווי אזוי מ'איז עס מעביר, מעביר ראשון ראשון.

על כל פנים, צו דעם אלעם דארף זיין חדשו מעשיכם, שפרו מעשיכם, מ'זאל באנייען און פארבעסערן די מעשים, דער מענטש זאל נעמען אחריות אויף זיינע מעשים, ער זאל זיין פאראנטווארטליך אויף וואס ער האט געטון, און אויף וואס ער טוט. אזוי ווי ווען מ'נעמט אויף א מענטש פאר א רב, אדער א דיין, איז ער פאראנטווארטליך אויף יעדע זאך, ס'זאל זיך פירן ווי ס'דארף צו זיין. צי ווען א מענטש האט א געשעפט, איז ער פאראנטווארטליך אויף אלע פרטים פונעם געשעפט, ווי אזוי ס'פירט זיך. אזוי איז א מענטש פאראנטווארטליך אויף זיך אליין, אויף יעדע מחשבה דיבור ומעשה וואס ער האט געטאן דורכן גאנצן יאר, אויף יעדן אטעם, אפילו אויף די הבל וואס קומט ארויס פון זיין מויל, אין די הבל פונעם מענטש ליגן גרויסע זאכן, הבל הבלים אמר קהלת איז מרמז אויפן הבל פונעם מענטש, דארט ווערן נרשם אלע זיינע מעשים. אויף דעם אלעם איז דער מענטש אליין פאראנטווארטליך, ער דארף נישט זיין צו דעם א רב, א מנהיג, ער האט אין זיך אליין געגנוג כלים און כחות וואס ער דארף פירן און אפהיטן, דער מענטש אליין איז א וועלט פאר זיך.

און דאס איז אפילו ווען ער זאל נישט האבן קיין שייכות מיט קיין מענטשן, האט ער גענוג וואס צו היטן און אכט געבן, אז ס'האט נישט קיין שיעור. כל שכן אז דער מענטש האט דאך צוטון מיט אנדערע אויך, מ'האט ב"ה פאמיליעס מיט קינדער, יעדער זאל טאקע זוכה זיין, צו קענען אויפשטעלן א דור ישרים יבורך, און מ'האנדלט דאך מיט מענטשן ארום זיך, יעדע זאך וואס א מענטש טוט איז פארבונדן מיט מענטשן, איז

ער פאראנטווארטליך, נישט נאר אויף זיך, נאר אויך אויף אלעם וואס איז ארום אים, ער זאל האנדלן ווי ס'דארף צו זיין, און טון מיט יעדן ארום וואס מ'דארף אויפטון.

**דאס** אלעם דארף דער מענטש נאכקוקן אין די טעג, און עס פארריכטן, ער דארף זיינע אייגענע כחות פארריכטן. דאס וואס מ'בעהט אל תשליכני מלפניך, זאלסט מיך נישט אוועקווארפן, איז טייטש, זאלסט מיר העלפן, אז איך זאל זיך אליין נישט אוועקווארפן, דער מענטש אליין האט די כלים זיך מקרב צו זיין צום אייבערשטן, אלעס ליגט ביים מענטש אליין, ער דארף עס נאר אליין ניצן אויף וואס ער דארף, ער זאל עס פארבעסערן. און ער זאל עס אזוי אוועקשטעלן, אז וואס ער איז מתקן, זאל ער נישט צוריק פארלירן, ער זאל נישט צוריקפאלן, מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו, אזוי ווי ווען איינער הארעוועט שווער, ער פארדינט אסאך געלט, גיט ער אכט ער זאל עס נישט פארלירן, ער זאל נישט האבן געארבעט אומזיסט, אזוי דארף דער מענטש אכט געבן אויף זיך אליין, ער זאל נישט פארלירן זיין הארעוואניע.

**אז** דער מענטש שטעלט זיך אזוי אוועק, איז דאס זיין גאולה פרטית, מיט דעם לייזט ער זיך אליין אויס פון זיין גלות, ווי מ'זאגט אין שיר המעלות ממעמקים, כי עם ה' החסד והרבה עמו פדות, דער אייבערשטער טוט א חסד אז ער לייזט אונז אויס פון די זינד, דאס איז די גאולה וואס מ'דארף, א גאולה פון די זינד, והוא יפדה את ישראל מכל עונותיו. ווי אזוי קען דאס זיין, זאגט ער נאכדעם, שיר המעלות לדוד, ה' לא גבה לבי ולא רמו עיני, אויב דער מענטש האלט זיך נישט גרויס, ער איז מודה אז ער האט געזינדיגט, דעמאלטס איז אים דער אייבערשטער מוחל. דער פעלער איז נישט דאס אליין אז מ'האט געזינדיגט, דאס קען מען פארריכטן, וואס ס'איז געווען איז געווען, דער פעלער איז ווען דער מענטש וויל זיך נישט מכניע זיין, ער זאגט דורך דעם תחנון, אשמנו בגדנו, און ער האט אפילו איינמאל נישט אינזין וואס ער רעדט, ער איז זיך גארנישט מתבונן וואו ער שטייט, ער טראכט גארנישט אז ער האט געזינדיגט.

**דאס** איז די ארבעט אין די טעג, מ'זאל זיך נאכקוקן און מודה זיין אז מ'דארף פארריכטן, אזוי וועט אונז דער אייבערשטער אויסלייזן, אונז מוחל זיין, און ער וועט אונז אויפהייבן, און אפשרייבן א גוט יאר. ווי מ'האט געליינט היינט, את ה' האמרת היום להיות לך לאלקים וגו', יודן זענען בוחר דעם אייבערשטן כביכול פאר א מלך, דאס הייסט, זיי זענען ממליך דעם אייבערשטן אויף זיך, כאטש דער אייבערשטער איז מלך אויף אלע פעלקער, מלך אלקים על גוים, איז ער נישט מייחד זיין נאמען נאר אויף די יודן, מיט דעם וואס יודן זענען מקבל מלכותו, ווערט דער

אייבערשטער אנגערופן אלקי ישראל, אזוי שטייט אין מדרש, רבי שמעון בן יוחאי זאגט עס (שמו"ר כט ג).

און דורכדעם וה' האמירך היום, איז דער אייבערשטער בוחר אין יודן, להיות לו לעם סגולה, כאשר דבר לך, וואו האט ער דאס גערעדט, זאגט רש"י הק', פאר קבלת התורה האט דער אייבערשטער געזאגט והייתם לי סגולה. זאגט ער ווייטער, ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה לתהלה ולשם ולתפארת, דאס מיינט מען אין די הייליגע טעג, דעמאלטס הייבט אונז דער אייבערשטער אויף, ער איז אונז מזכה במשפט קעגן אלע מקטרגים, ולהיותך עם קדוש לה' אלקיך כאשר דבר, דער פסוק זאגט נאכאמאל כאשר דבר, אזוי ווי ער האט אונז צוגעזאגט, דער רבוש"ע האט שוין אלעם צוגעזאגט, און ער וויל מקיים זיין די הבטחה, ער ווארט נאר אויף אונז, אונז זאל מיר זיין כלים דערצו, ווי ס'שטייט אין תהלים, לעולם ה' דברך נצב בשמים, דיין דיבור וואס דו האסט צוגעזאגט אלע הבטחות פאר יודן, שטייט גרייט אין הימל, ס'האט זיך גארנישט געענדערט, אני ה' לא שניתי, נאר וואס דען, לדור ודור אמונתך, ס'ווענדט זיך ווי ווייט די דורות האלטן דיין אמונה, אז מ'האט אמונה, און מ'איז זיך מדבק אין די אמונה, כוננת ארץ ותעמוד, וועלן מקוים ווערן אלע הבטחות וואס דו האסט אוועקגעשטעלט אויף די וועלט, ותעמוד, ס'וועט באשטעטיגט ווערן דיינע רייד וואס זענען נצב בשמים, אלעס איז גרייט, מ'ווארט נאר אונז זאל מיר דאס ארויסברענגען, דורך אונז וועט קומען א שנת גאולה וישועה, פון די גאולה פרטית וועט ווערן א גאולה כללית, כלל ישראל וועט זוכה זיין צו א גאולה שלימה, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשמ"ס)

---

## תורה ב

### - א -

**והיה כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך נחלה.** פרעגן די מפרשים אויפן לשון והיה, ס'זעהט אוים איבריג. אויך פרעגט מען, פארוואס שטייט כי תבוא, א לשון יחיד, ס'וואלט געדארפט שטיין כי תבואו.

נעכטן נאכט האבן מיר געלערנט, רבינו אלימלך זי"ע טייטשט, אז דאס איז מרמז ווען מ'איז באחדות אחד, כי תבוא, גאנץ כלל ישראל וועט קומען אינאיינעם, דעמאלטס אשר ה' אלקיך נותן לך נחלה, קען מען ברענגען אויף יודן שפע פון אויבן, ס'זאל קומען די גרויסע השפעה וואס ווערט אנגערופן נחלה, נחל ה'.

לויט דעם איז דער והיה אויך מרמז אויף דעם, אין והיה אלא לשון שמחה, ס'וועט זיין א שמחה, כי תבוא, אז מ'האלט זיך אינאיינעם, ביים אייבערשטן איז א גרויסע שמחה אז מ'האלט ביי די מדרגה. און דורכדעם אל הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך נחלה, קענען מיר באקומען ארץ ישראל פאר א נחלה, וירשתה וישבת בה. אזוי ווי ביי מתן תורה, האט געדארפט זיין ויחן שם ישראל נגד ההר, כאיש אחד בלב אחד, נאר אזוי האט מען געקענט מקבל זיין די תורה, כאטש מ'האט זיך שוין פון פריער מזכך געווען, זיך צוגעגרייט, האט מען נישט געקענט נעמען די תורה, נאר דורכדעם וואס מ'האט זיך געהאלטן כאיש אחד בלב אחד, אזוי אויך, כדי מ'זאל זוכה זיין אריינצוגיין קיין ארץ ישראל, כאטש מ'איז שוין דורך פערציג יאר אין מדבר, מ'האט שוין מיטגעמאכט, קען מען נאך נישט אריינקומען, נאר מיטן כח פון אחדות.

נו מ'הערט, ווער וויל דען נישט זיין אינאיינעם, מ'גייט גערן אינאיינעם אין בית המדרש, מ'קומט אינאיינעם, מ'זיצט אינאיינעם. אבער דאס מיינט נאך נישט אחדות אחד, אחדות אחד איז טייטש, אז די הערצער זאלן זיין אינאיינעם, כאיש אחד בלב אחד. און דאס לאזט נישט דער גוף, מצד הנשמה זענען אלע איינס, פון איין מקור, אזוי ווי ברידער אלע אינאיינעם, מצד די נשמה איז עס נישט קיין שווערע זאך, מצד דעם גוף איז מען אבער אפגעטיילט, דער גוף פארשטייט נישט, ער האט אלץ טענות, דער האט אים געטון, דער האט אים נישט געגעבן, פון יענעם איז ער עלטער, און פון דעם קען ער מער, און פון דעם איז ער מער יחוס, און אזוי נאך פארשידענע חשבונות און טעמים וואס דער גוף האט אלץ, דא האט ער אזא חשבון, דא אזא חשבון.

אז דער מענטש גייט אבער מיטן אייבערשטן, און מיטן אמת, האט ער נישט די אלע חשבונות, ער פארשטייט, בין איך דען מער, איך האב דען עפעס בכלל, אלעס געהער דאך דעם אייבערשטנס, אז איך האב עפעס, איך האב עפעס געהארעוועט, איז עס נישט ווייל איך קען עפעס אליין, נאר דער אייבערשטער האט מיר דאס געגעבן, גארנישט איז נישט מיינס, אז ער ווייסט דאס, קען זיין אחדות אויף דער וועלט. אויף דעם זאגט דער פסוק, ראש דברך אמת, די ערשטע זאך איז, דער מענטש זאל האבן דעם אמת מיט זיך, און אז מ'האט דאס, לעולם כל משפט צדקך, איז אלעס מיט גערעכטיגקייט, מ'האט נישט קיין קשיות אויף גארנישט, און קיין שווער הארץ אויף קיינעם. און אזוי שטייט משפטי ה' אמת, אויב דו ווייסט אז משפטי ה' אמת, דעמאלטס צדקו יחדיו, איז אלעס גערעכט, אלעס שטימט, ס'איז דיר גארנישט שווער, ס'טוט דיר גארנישט וויי.

**לויט** דעם קען מען טייטשן נאך, והיה, עס וועט זיין א שמחה, כי תבוא, ווען עס וועט זיין אחדות אחד, אל הארץ, און די אחדות וועט אויך אריינקומען אין די ארציות, דאס הייסט אינעם גוף, מצד דעם גוף וועט מען אויך זיין איינס, דאס וועט זיין די שמחה. אויף דעם זאגט מען אין די סליחות, הנשמה לך והגוף שלך, וואס וויל מען זאגן מיט דעם, דער אייבערשטער ווייסט דאס, נאר ס'איז א תפלה, מ'בעהט אז דער גוף זאל אויך זיין דעם אייבערשטנס, ער זאל מיטארבעטן מיט די נשמה, ער זאל נישט זיין אפגעטיילט, אויף דעם זאגט מען נאכדעם ה' עשה למען שמך, העלף אונז פאר דיין נאמען וועגן, מיר זאל צו דעם זוכה זיין.

**זאגט** דער פסוק, דאס וועט זיין די גרויסע שמחה, אז דער ארץ וועט אויך פארשטיין צו זיין באחדות אחד, דעמאלטס אשר ה' אלקיך נותן לך נחלה, וועט מען קענען געבן ארץ ישראל. און היינט אויך, מיטן כח פון אחדות קען קומען די גאולה שלימה, אזוי ווי ס'איז דא אחדות איז די ישועה שוין דא. דאס אז מ'זאל ווערן באחדות, דאס דויערט און דויערט, דאס איז א שווערע עבודה, אבער אז דאס איז דא, אז דער גוף איז שוין מסכים צו דעם, קען אין איין רגע ווערן די גאולה, קען דער אייבערשטער שוין געבן ארץ ישראל. ווייל אלע שוועריגקייטן פונעם גלות, קומען נאר אויסצוגלייכן די מדות פונעם מענטש, לא נבראו רעמים אלא לפשט עקמימות שבלב, רעמים מיינט די פחדים, די דינים, קומען נאר צו מיישר זיין דאס הארץ פונעם מענטש, אבער אז דער מענטש איז מיישר זיין הארץ, דארף מען שוין נישט דאס אלעס, קען שוין קומען די גאולה.

**און** דאס איז די ערשטע הכנה צו די הייליגע טעג, אז מ'וויל זוכה זיין צו תשובה, דארף מען זיין צוזאמען, מחובר איינער אינעם אנדערן, ווי איין בונד. ווי מ'זאגט ראש השנה ביים דאווענען, ויעשו כולם אגודה אחת, דעמאלטס קען זיין לעשות רצונך בלבב שלם, און ווי די ספרים הק' זאגן, אז כאטש יודן זענען נאך זייער זינדיג, זיי דארפן נאך אסאך פאררעכטן, קען מען דורך די אגודה אחת צוקומען צו א גרויסע תשובה, צו תשובה עילאה, צו תשובה פנימית, דורך אגודה אחת קען מען צוקומען לעשות רצונך בלבב שלם, כאטש מ'איז נאך זייער ווייט.

- ב -

**על** כל פנים, די הייליגע טעג זענען שוין דא, ס'זענען שוין דורך צוויי וואכן פונעם חודש אלול, פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור זענען דא פערציג טעג, אין די טעג האט מען געגעבן די לוחות האחרונות, ס'האט געדויערט פערציג טאג, נישט דאס שרייבן

האט געדויערט אזוי לאנג, נישט וויל מ'ברויך צייט, ווי א סופר שרייבט אזאך, נאר אז מ'זאל קענען אראפברענגען די תורה דא אונטן, עס אריינלייגן אין א שריפט, דאס איז א שווערע לאנגע עבודה. ווייל אין די עולמות אויבן גייט אלעס במחשבה, די גאנצע תורה, מיט אלע אירע יחודים און אורות, זענען מלובש נאר אין מחשבה אליין, אזוי גייט עס אויבן, די אלע שירות ותשבחות וואס די הימלן זינגען, די מלאכים און נשמות אויבן, השמים מספרים כבוד א־ל ומעשה ידיו מגיד הרקיע, דאס אלעס ווערט נישט נתלבש אין קיין דיבור, אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם, מ'הערט גארנישט די אלע שירות ותשבחות וואס די הימלן זאגן, ס'איז אלעס בבחינת מחשבה, די עולמות אויבן הערן דאס, זיי זענען עס משיג במחשבה אליין, אבער ס'איז נישט בבחינת דיבור, אז די עולמות דא אונטן זאלן עס קענען פארשטיין.

אזוי איז אויך די תורה אויבן נאר בבחינת מחשבה, און כדי עס אראפצוברענגען דא אונטן, דארף מען עס אריינברענגען אין בחינת דיבור, אויף דעם דארף מען ארבעט פון פערציג טאג, די אלע יחודים מגלה צו זיין, מ'זאל קענען די סודות התורה אריינלייגן אין א שריפט, מ'זאל דאס קענען דא אונטן לערנען. און אונז האב מיר עס טאקע באקומען אין א שריפט, אזוי ווי מ'זעהט עס אין די עשרת הדברות, אבער ווער עס פארשטייט, ווייסט וויפיל פנימיות, וויפיל אורות ס'ליגט אלץ אין די שריפט, אין זוהר איז נתגלה געווארן, מ'זאל פארשטיין אביסל די סודות התורה וואס ליגן אין די עשרת הדברות, דער זוהר איז מגלה אביסל ווי אזוי מ'קען פון די ווערטער זעהן רוחניות, וואס ס'טוט זיך אפ אין די עולמות עליונים, עד אין קץ, גבוה מעל גבוה.

און דאס אלעס ווערט יעדעס יאר נאכאמאל, אין די פערציג טעג ארבעט מען אויבן, מגלה צו זיין די תורה אויף דער וועלט, דורך אונזער תשובה זענען מיר דאס ממשיך, ביז מיר זענען זוכה יום כיפור צו א קבלת התורה, ס'ווערט יעדעס יאר נתגלה די תורה פון דאסניי.

- ג -

און יעצט זענען שוין דורכגעלאפן צוויי וואכן פון די טעג, מ'האלט שוין טיף אינמיטן די ארבעט, און אונז האב מיר זיך נאך גארנישט אויפגעוועקט, אונז האב מיר זיך נאך גארנישט גענומען צו די ארבעט. דער עיקר ארבעט פון חודש אלול, איז מרומז אינעם ווארט אלול אליין, ווי די פוסקים ברענגען, אז ס'איז נוטריקון א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י, וואס וויל מען זאגן מיט דעם רמז, וואס ברענגט דאס ארויס, מ'וויל סתם דערציילן א שיינע זאך. נאר דאס קומט לערנען דעם מענטש, אויב ווילסטו האבן די הייליגע טעג אין די

האנט, זאלסטו נישט זיין פארנומען יעצט מיט עפעס אנדערש, נאר אני לדודי, איך מיטן אייבערשטן, נאר מיט אים בין איך פארבונדן, דורכדעם ודודי לי. מ'קען גארנישט עפעס אנדערש אינזין האבן, קיין שום געשעפטן, מ'קען נישט רעדן צו קיינעם. אודאי וואס מ'דארף רעדן ווייל ס'איז א מצוה, צי ווייל מ'דארף ברענגען פרנסה, איז דאך דאס ווייטער אני לדודי, אויב יעצט איז די צייט פון די מצוה, ס'איז אי אפשר ליעשות על ידי אחרים, איז דאך דאס דער אני לדודי, אבער אויסער דעם האט מען גארנישט וואס צו רעדן צו קיינעם, וואס מ'מוז אויסער דעם, זאל מען ווינקן אז מ'האט נישט יעצט קיין צייט דערצו. דאס קומט דער רמז זאגן, אז דאס איז די עבודה פון די טעג, נאר אזוי קען מען האבן די הייליגע טעג אין די האנט.

**דער** בעל דבר וויל דאך דאס נישט, גרייט ער אן פאר יעדן פארשידענע טרדות, יעצט דארפסטו דאס טון, יעצט דאס, ער טיילט איין, ער ווייזט, דארפסט אהער גיין, אהין גיין, ער מישט אויס, און פארדרייט דעם קאפ, סך הכל וויל ער איין זאך, אוועקרייסן דעם מענטש פונעם אני לדודי. און דער מענטש פארשטייט גארנישט וואס איז שלעכט, מ'האט דאך מיך גערופן דא, גערופן דארט, איך האב געדארפט אהער פארן, אהין פארן, ס'ארט אים גארנישט. ווען איינער שטערט אים פון זיין ארבעט, פון זיין פרנסה, אַהרט עס אים שוין איינמאל, אפילו ס'דאכט זיך אים נאר, אז יענער שטערט אים פון זיינע געשעפטן, יענער שטייט אים אין וועג, ווערט ער אויס מענטש, און דא, ווען דער בעל דבר שלעפט אים אוועק פון דעם אני לדודי, איז ער גארנישט ברוגז, ס'ארט אים גארנישט אז ער ווערט געשטערט.

**דאס** ווייזט אז ער האט נאך נישט קיין השגה, ער פארשטייט נישט ווי ווייט ער איז נאך, אז ער האט א גאנץ יאר נאך גארנישט געטאן, לויט וואס ער האט געברויכט, האט ער נאך ממש גארנישט געטאן נעבעך, ממילא אז ער פארשטייט דאס נישט, איז ער גארנישט באזארגט, נאר אויף זיינע געשעפטן זארגט ער זיך, מ'האט נישט ערלעדיגט, מ'האט נישט געטראגן די סחורה אהער, געברענגט אהער, און וועגן יודישקייט האט ער קיין שום דאגה נישט. ער מיינט ס'פעלט אים פרנסה, דערווייל פעלט אסאך מער פון דעם, דער גאנצער מענטש פעלט נאך, ער ווייסט נאך נישט וואו ער שטייט אויף דער וועלט בכלל.

**אויף** דעם שרייט דער חודש, דער נאמען פונעם חודש זאגט וואס די עבודה איז, די שמות החדשים זענען עלו מבבל, דער נאמען אלול שרייט אני לדודי, נאר לדודי, גארנישט עפעס אנדערש, דרשו ה' בהמצאו, נאר דעם אייבערשטן זאלסטו זוכן אין די טעג, קראוהו בהיותו קרוב, אלו עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכיפורים, און

דרייסיג טאג דערפריער דארף מען זיך צוגרייטן צו דעם, דער אני לדודי איז א הכנה, צו דעם דרשו ה' בהמצאו פון די עשרת ימי תשובה, און צוויי וואכן פון די דרייסיג טאג זענען שוין דורכגעלאפן, וואס וועט זיין, ווען וועט מען עפעס טון, ה' ירחם עלינו.

- ד -

זאל מען נעמען די זאך אין די האנט אריין, לכו ונשובה אל ה', כאטש דאס זאל מען פארשטיין, דעם אני לדודי, נעמטס ענק אריין אין קאפ, ס'איז אלול יעצט, מ'קען נאר טון פארן אייבערשטן, אלע אנדערע זאכן יאגן אוועק דאס יודישקייט, מ'דארף זיך איבערגעבן צום אייבערשטן אינגאנצן, מ'זאל זיך באהאלטן ממש, פון אלע טרדות זיך אוועקרייסן, פארשטעקן זיך, און זיך ארייננטון נאר אינעם לערנען און אינעם דאווענען, מ'זאל זיך זעהן מיטן אייבערשטן, זיך אנערקענען צו אים, זיך באקאנט מאכן פאר אים, די מחשבה דיבור ומעשה זאלן גיין נאר אויף די תורה, יעדע רגע זאל מען זעהן וואס מ'קען לערנען נאך, און טאן נאך, און זיך צוגרייטן צום משפט. ראש השנה איז דער משפט, אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם, היום איז ראש השנה, ווי דער זוה"ק זאגט אויפן פסוק ויהי היום, דא יומא דראש השנה, כ"ה אלול האט זיך אנגעהויבן די בריאה, און ראש השנה איז דער מענטש באשאפן געווארן, דעמאלטס איז אלעס באשאפן געווארן בחסד חנם, עולם חסד יבנה, ס'איז נאך נישט געווען קיין אתערותא דלתתא, נאר דער באשעפער האט געקוקט אויף שפעטער, אז יודן וועלן שפעטער טון זיין רצון, וועגן דעם האט ער אלעס באשאפן, אבער איצט נאכדעם וואס ס'איז שוין באשאפן, דארף יעדעס יאר זיין אן אתערותא דלתתא, כדי די וועלט זאל קענען באשאפן ווערן דאס יאר נאכאמאל, דארף דער מענטש טאן, אז דער מענטש וועט טאן, וועט דער אייבערשטער טאן צוריק, נאר אזוי גייט עס, באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא.

אויף דעם איז מען ראש השנה דן יעדן, מ'קוקט דורך די מעשים, און לויט דעם ווערט באנייט די גאנצע בריאה. און דער אייבערשטער אליין קוקט אלעס דורך, כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון, פאר אים אליין, שנאמר היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם, ווייל נאר ער איז דער מבין אל כל מעשיהם, ער זעהט און פארשטייט מיט וואסערע מחשבה דער מענטש האט געטון יעדע זאך, מיט וואסערע מסירות נפש ער האט געטאן א מצוה, פון די פשטות אליין קען מען נאך גארנישט וויסן, דער אייבערשטער איז דער מבין, ער קוקט אריין אין די פנימיות, ער זעהט ווי ווייט יעדע זאך איז געטון געווארן במחשבה וברצון, דאס וייסן נישט די מלאכים, דאס מוז דער

אייבערשטער אליין זעהן. דאס זאגט דהמע"ה (תהלים יז ב) מלפניך משפטי יצא, פון דיר אליין, פארוואס, ווייל עיניך תחזינה מישרים, דו זעסט עס ריכטיג, ס'זענען דא משמאילים און מיימינים, ס'זענען דא מקטרגים און סניגורים, אבער דער אייבערשטער אליין פירט דעם משפט. אויף דעם זאגט דער פסוק, אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם, פארן באשעפער אליין שטייט עטץ, נישט פארן בית דין של מעלה, ס'איז דא א משפט ביים בית דין של מעלה אויך, אבער זיי קענען נישט אויספירן אן דעם באשעפער אליין, מלפניך משפטי יצא.

- ה -

**איז** יעצט די צייט, מ'זאל זיך אהערנעמען יעדער איינער, איך זאג עס פאר מיר, און איך בעהט אז יעדער זאל מיטארבעטן, לאמיר אלע איבערבעטן דעם אייבערשטן, זיך גוט אויסוויינען פארן באשעפער, נישט דוקא מיט טרערן, נאר פון טיפן הארצן, מעמקי הלב, ממעמקים קראתיך ה', ווי ס'שטייט די וואך, ונצעק אל ה' אלקי אבותינו וישמע ה' את קולנו, ס'זענען דא צוויי קולות, דער קול פונעם דיבור, און דער קול פון די מחשבה, פון די הארץ, מיט ביידע זאל מען זיך שטעלן פארן אייבערשטן, מיט אלע בחינות קול. דער אייבערשטערווארט מ'זאל זיך אויפמאכן דאס מויל, מ'זאל זיך מיט אים איבערבעטן, ער איז מתרצה ברחמים ומתפייס בתחנונים, התרצה והתפייס לדור עני.

**דורכדעם** וועלן מיר געהאלפן ווערן דאס יאר, מיט א שנת גאולה וישועה, די גאולה שלימה זאל קומען במהרה, און ביז דערווייל זאל יעדער געהאלפן ווערן מיט א גאולה פרטית, יעדער זאל ארויסגיין פון זיין אייגענעם גלות, דער גלות וואס יעדער האט אין זיך, נישט אז ער איז נאך נישט קיין עושר, נישט דאס איז דער גלות, נישט דאס פעלט, נאר דאס יודישקייט, דאס איז די עשירות וואס מ'דארף, מ'זאל קענען האלטן שטארק דאס לערנען און דאס דאווענען. עושר טייטש שטארקייט, עשתרות זאגט רש"י לשון חוזק, דאס דארף מען, די שטארקייט, מ'זאל קענען מרביץ תורה זיין, מרחיב זיין גבולי התורה והיראה מיט א שטארקייט, ווי מ'זאגט ביים דאווענען, והעושר והכבוד מלפניך, כבוד מיינט מען די תורה, אין כבוד אלא תורה, והעושר והכבוד איז טייטש, מ'זאל זיין שטארק מיט די תורה, און מ'זאל קענען האלטן שטארק וואס מ'האט געלערנט, מ'זאל עס געדענקן, מ'זאל זיין א כלי לקבל ברכה, א מענטש דארף כסדר דורכגיין אין די געדאנקן וואס ער האט געלערנט, און רעכענען ווי אזוי ער קען דאס אויספירן. דאס קומט פון דעם וואס מ'לערנט יעדע זאך מיט א גוטע הבנה, אויב

מ'לערנט א זאך און מ'פארשטייט עס גוט, ליגט עס אינעם מענטש, קען ער עס אלץ איבערגיין, און פון דעם פארשטיין אלץ נאך זאכן.

**איך** האב פונקט אינזין געהאט, ווען די קרבנות און קטורת וואס מ'זאגט יעדן טאג, דאס איז דאך א לימוד, ס'איז א ברייתא און א גמרא, מ'דארף עס גוט לערנען, מ'זאל וויסן וואס מ'זאגט. איך האב געקלערט וועגן דעם וואס מ'זאגט, אילו היה נותן בה קורטוב של דבש אין אדם יכול לעמוד מפני ריחה, ולמה אין מערבין בה דבש מפני שהתורה אמרה כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לה', איז שווער, וואס פרעגט ער ולמה אין מערבין בה דבש, ער זאגט דאך איצט אליין, אילו היה נותן בה קורטוב של דבש אין אדם יכול לעמוד מפני ריחה, מ'וועט נישט קענען פארנעמען דעם שטארקן ריח.

**האט** איך געקלערט פשט אזוי, א קורטוב איז טאקע אביסעלע, אבער א קורטוב האט אויך א שיעור, ס'איז אחד מס"ד בלוג, זאגט ער, אויב מ'זאל ארייגעבן א קורטוב של דבש, אין אדם יכול לעמוד מפני ריחה, זאל מען לייגן ווייניגער פון א קורטוב, זאגט ער ס'שטייט כי כל שאור וכל דבש, וואו ס'שטייט כל, אפילו כל שהוא משמע, לא תקטירו ממנו, ניטאמאל אביסל אויך נישט, אזוי קלער איך קען מען לערנען פשט. מ'זעהט דאך ביי א מקוה, ווען ס'שטייט (מקואות ז ג) אז ס'פעלט א קורטוב, מיינט נישט דוקא א קורטוב, אפילו ווייניגער ווי א קורטוב אז ס'פעלט איז שוין נישט כשר, ס'מוז זיין ארבעים סאה שלמים, אזוי דא ביי די קטורת, טאר מען אפילו ווייניגער ווי א קורטוב אויך נישט.

**על** כל פנים, איך זאג נאר א דוגמא, די תלמידים זאלן זיך לערנען פון דעם, ווי וויט מ'דארף שטארקן דאס לערנען, מ'זאל זיך נאכקוקן ביי יעדע זאך, אויב מ'פארשטייט גוט וואס מ'זאגט און וואס מ'לערנט, ס'זאל זיין ובהם נהגה יומם ולילה, נהגה איז טייטש סיי טראכטן און סיי רעדן, אלע געדאנקן און אלע שמועסן זאלן זיין וועגן די תורה, מה אהבתי תורתך כל היום היא שיחתי, וועגן לערנען און וועגן מקיים זיין, מ'זאל נישט האבן קיין צייט צו אנדערע זאכן, מ'זאל זיין אינגאנצן פארקויפט נאר לדודי, יעדעס אטעם זאל מען געבן פארן אייבערשטן. און מ'זאל זיך געוויינען צו דעם אלץ מער, ווי אזוי מ'מאכט דאס, נאך און נאך און נאך, אזוי ווי דער באשעפער איז בלתי סוף, אזוי איז די תורה בלתי סוף, און די נשמה פון א יוד איז אויך בלתי סוף, יודן זענען בלי סוף ובלי תכלית, ס'האט נישט קיין שיעור צו וואס א יוד קען אנקומען, וואס ער קען אלץ משיג זיין, ווען ער גיט זיך איבער לדודי, מיט אלע כחות און חושים.

מיט אזא הכנה, וועט מען זוכה זיין אין די טעג צו ווערן אן עם קדוש לה׳, ישראל קדושים הם, יקימך ה׳ לו לעם קדוש, כי עם קדוש אתה לה׳ אלקיך, און ווי מ׳בעהט ביי ברכת המזון, קדושנו קדוש יעקב, אזוי ווי דו האסט געהייליגט יעקב, אים געהיטן און געהייליגט, אזוי זאלסטו אונז אויך הייליגן, אונז זאל מיר זוכה זיין צו זיין אן עם קדוש לה׳ אלקיך, דורכדעם וועלן קומען די אלע ברכות וואס מ׳זאגט נאכדעם, ברכה וישועה נחמה פרנסה וכלכלה ורחמים וחיים ושלום וכל טוב ומכל טוב לעולם אל יחסרנו, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשנ״ו)